הישר, האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט, און נאָכגעפאָלגט
אין דעם וועג פון בלעם בן בעור, וואָס האָט ליב
16 געהאַט דעם שכר פון אומגערעכטיקייט; ער האָט
אָבער געהאַט אַ שטראָף פאַר זיין אייגענעם חטא;
אַ שטומע בהמה, אין געשפּאַן, רעדנדיק מיט אַ
מענטשלעך קול, האָט פאַרווערט דאָס משוגעת פון
17 דעם נביא. די דאָזיקע זענען ברונימער אָן וואַסער,
און וואָלקנדלעך געטריבן פון אַ שטורמווינט; פאַר
זיי איז אָנגעגרייט די טונקלקייט פון דעם חושך.
18 ווארום רעדנדיק שטאָלצע רייד אָן אַ זין, לאָקן זיי
מיט די תאוות פון דעם לייב דורך פאַרשייטקייט
די יעניקע, וואָס זענען קוים אַנטרונען פון די, וועלכע
19 וואַנדלען אַרום אין בלאָנדזשעניש; בשעת זיי זענען
זיי מבטיח פרייהייט, זענען זיי אַליין קנעכט פון
פאַרדאַרבונג; ווארום פון וועמען איינער ווערט
ביגעקומען, צו דעם ווערט ער אויך פאַרשקלאַפט.
20 ווארום אויב נאָך דעם ווי זיי זענען אַנטרונען פון
די באַפלעקונגען פון דער וועלט דורך דער דערקענ־
טעניש פון אונזער האַר און גואל, ישוע המשיח,
זענען זיי ווידער פאַרוויקלט אין די דאָזיקע
און זענען ביגעקומען געוואָרן, איז זייער סוף
21 ערגער ווי דער אָנהייב. ווארום עס וואָלט געווען
בעסער פאַר זיי נישט צו האָבן דערקענט דעם וועג
פון גערעכטיקייט, ווי, נאָכן דערקענען, זיך אומצו־
קערן פון דעם הייליקן געבאָט, וואָס איז איבער־
22 געגעבן געוואָרן צו זיי. ביי זיי האָט זיך באַשטעטיקט
דאָס וואָרהאַפטיקע שפּריכוואָרט: אַ הונט האָט זיך
אומגעקערט צו דעם, וואָס ער האָט אויסגעבראָכן,
און אַן אָפּגעוואַשן חזיר זיך צו וואַלגערן אין בלאָטע!
(משלי כו, יא.)